




# שונה הלכות



תלמוד תורה אור יוחנן ראחמיסטריווקא
כיתה ג' – ר' גדלי' דוד גאלדבערגער

# הלכות ומנהגי חודש אדר ופורים

## חודש אדר

א. מִשֶׁנִכְנַס אֲדָר מַרְבִּין בְּשִׂמְחָה, וֶוען חוֹדֶשׁ אֲדָר קוּמְט דַארְף מֶען פַארְמֶערְן מִיט פְרֵיילִיכְקֵייט, דִי טַעַם פַארְוָואס מֶען דַארְף זַיין פְרֵיילִיךְ אִיז, וַוייל אִין דֶעם חוֹדֶשׁ אִיז גֶעשֶׁען דִי נֵס פוּן פּוּרִים.

## שבת זכור

ב. דִי שַׁבָּת פַאר פורים הֵייסְט "שַׁבָּת זָכוֹר", וַוייל מְ'לֵיינְט דִי פַּרְשָׁה אִין דִי תּוֹרָה, וִוי עֶס שְׁטֵייט זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ עַמָלֵק וגו', וִוי דִי תּוֹרָה זָאגְט דִי מִצְוָה אַז מְ'מְוּז גֶעדֶענְקֶן אוֹיסְצוּמֶעקֶן דִי נָאמֶען פוּן עַמָלֵק, און דִי מצוה אִיז, כָאטְשׁ אֵיין מָאל אַ יָאר, צוּ לֵיינֶען דִי פרשה, אַז יֶעדֶער זָאל גֶעדֶענְקֶן דִי מצוה.

ג. מֶען לֵיינְט עֶס פַאר פּוּרִים, וַוייל הָמָן אִיז אַ אֵייניקְל פוּן עַמָלֵק, און פורים אִיז דִי צַייט וָואס מְ'הָאט אִים אוֹיסְגֶעמֶעקְט פוּן דִי וֶועלְט צִיזַאמֶען מִיט נָאךְ עַמָלֵקִים, אִיז יֶעצְט דִי צַייט צוּ דֶערְמַאנֶען דִי מִצְוָה פוּן "מְחִיַית עַמָלֵק".

גם תוכן זה קיים באחיה ידע - לקבצים נוספים במאגר שלנו: achiya.org.il achiyayeda@achiya.org.il



ב



# שונה הלכות



תלמוד תורה אור יוחנן ראחמיסטריווקא

כיתה ג' – ר' גדלי' דוד גאלדבערגער

## תענית אסתר

ד. אַ טָאג פַאר פורים פַאסְט מֶען, און דִי טָאג רופְט מֶען תַּעֲנִית אֶסְתֵּר וַוייל אַזוי ווִי אִין דִי צַייטְן פוּן דִי נֵס הָאבְּן יוּדְן גֶעפַאסְט (וַוייל אֶסְתֵּר הָאט גֶעהֵייסְן), פַאסְטְן מִיר אוֹיךְ הַיינְטִיגֶע צַייטְן. (דָאס יָאר (תשס"ז) פַאסְטְן מִיר דָאנֶערְשְׁטָאג, וַוייל אַ טָאג פַאר פּוּרִים אִיז שַׁבָּת, און שַׁבָּת טָאר מֶען נִישְׁט פַאסְטְן)

ה. עֶס שְׁטֵייט אִין סֵפֶר יְסוֹד יוֹסֵף, דֶער וָואס זָאגְט דִי קַאפִּיטְל כ"ב פוּן תְּהִלִים, וָואס הֵייבְּט זִיךְ אָן לַמְנַצֵּחַ עַל אַיֶּלֶת הַשַּׁחַר, וָואס דֶער קַאפִּיטְל הָאט אסתר גֶעזָאגְט פַאר זִי אִיז אַרַיין צוּ אַחַשְׁוֵורוֹשׁ, אִין תַּעֲנִית אֶסְתֵּר, קֶען זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן בַּיים אֵייבִּירְשְׁטְן וָואס עֶר ווִיל, אִין דִי זְכוּת פוּן מָרְדְכַי וְאֶסְתֵּר.

ו. תַּעֲנִית אֶסְתֵּר בַּיי מִנְחָה גִיבְּט מֶען מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל, וַוייל וֶוען דֶער בֵּית הַמִקְדָשׁ אִיז גֶעשְׁטַאנֶען, הָאט אַיֶעדֶע יוּד גֶעמוּזְט גֶעבְּן אַ מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל אִין חודש אדר, און מְ'הָאט גֶעקוֹיפְט מִיט דִי גֶעלְט קָרְבָּנוֹת, הַיינְט אִיז נֶעבֶּעךְ נִישְׁט דָא קַיין בֵּית הַמִקְדָשׁ אָבֶּער מִיר מַאכְן אַ זֵכֶר, און דִי גֶעלְט גִיבְּט מֶען

achiyayeda@achiya.org.il גם תוכן זה קיים באחיה ידע - לקבצים נוספים במאגר שלנו:




# שונה הלכות



תלמוד תורה אור יוחנן ראחמיסטריווקא

כיתה ג' – ר' גדלי' דוד גאלדבערגער

הַיינְטִיגֶע צַייטְן פַאר צְדָקָה.

## פורים

ז. דִי פֶערְצֶענְטֶע טָאג אִין חודש אדר אִיז פורים, עֶס הֵייסְט פורים, וַוייל "פּוּר" טַייטְשְׁט: גּוֹרָל, עֶס דֶערְמַאנְט אוּנְז דִי גְרוֹיסֶע נֵס אַז המן הָאט גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט טוּן פַאר דִי יוּדְן, מִיט זַיין גּוֹרָל וָואס עֶר הָאט גֶעמַאכְט.

ח. דִי טָאג פורים אִיז זֵייעֶר הֵיילִיג, און עֶס אִיז גוּט אַז אַיֶעדֶע יוּנְגְל זָאל זָאגְן אַפָּאר קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים, אִין אַזַא גְרוֹיסֶע טָאג, עֶס שְׁטֵייט אִין סְפָרִים אַז מֶען קֶען זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן וָואס מְ'ווִיל, וַוייל השי"ת אִיז אוֹיךְ מְקַיֵּים דִי מִצְוָה פוּן מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת און מַתָּנוֹת לָאֶבְיוֹנִים, און עֶר שִׁיקְט פַאר יוּדִישֶׁע קִינְדֶער, וָואס זֵיי בֶּעטְן פוּן אִים, אִין אַזַא הֵיילִיגֶע טָאג.

## מגילה ליינען

ט. עֶס אִיז אַ מִצְוָה צוּ לֵיינֶען דִי מְגִילָה, פורים, צוּ גֶעדֶענְקֶן דִי גְרוֹיסֶע נִסִים וָואס השי"ת הָאט גֶעטוּן, אִין יֶענֶע צַייטְן.

י. דִי מְגִילָה לֵיינְט מֶען צְוֵויי מָאל, אֵיינְמָאל בַּיינַאכְט, נָאךְ מַעֲרִיב, און אֵיינְמָאל, בֵּייטָאג אִינְדֶערְפְרִי, נָאכְן לֵיינֶען דִי תּוֹרָה.

גם תוכן זה קיים באחיה ידע - לקבצים נוספים במאגר שלנו: achiyayeda@achiya.org.il




# שונה הלכות

תלמוד תורה אור יוחנן ראחמיסטריווקא

כיתה ג' – ר' גדלי' דוד גאלדבערגער

**יא.** **מֶען מַאכְט דְרֵייִ בְּרָכוֹת פַאר מֶען לֵיינְט דִי מגילה:**

1) **בָּרוּךְ אַתָּה ה' אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו וְצִוָּנוּ עַל מִקְרָא מְגִילָה.**

2) **בָּרוּךְ אַתָּה ה' אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם שֶׁעָשָׂה נִסִּים לַאֲבוֹתֵינוּ בַּיָּמִים הָהֵם בַּזְּמַן הַזֶּה.**

3) **בָּרוּךְ אַתָּה ה' אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם שֶׁהֶחֱיָנוּ וְקִיְּמָנוּ וְהִגִּיעָנוּ לַזְּמַן הַזֶּה.**

**יב.** **מֶען דַארְף הֶערְן אַיֶעדֶעס וָוארט פוּן דִי מגילה, אוֹיבּ נִישְׁט הָאט מֶען נִישְׁט יוֹצֵא גֶעוֶוען.**

**יג.** **מֶען פִּירְט זִיךְ אַז וֶוען דֶער בַּעַל קוֹרֵא לֵיינְט המן'ס נָאמֶען, קְלַאפְּט מֶען מִיט אַ גְרַאגֶער אָדֶער מִיט דִי פִּיס, וַוייל המן אִיז אַ אֵייניקְל פוּן עמלק, אוּן עֶס אִיז אַ מצוה, אוֹיסְצוּמֶעקְן דִי נָאמֶען פוּן עמלק, אוּן פוּן זַיינֶע קִינְדֶער, מֶען זָאל אָבֶּער נִישְׁט קְלַאפְּן לַאנְג, וַוייל עֶס שְׁטֶערְט פוּן הֶערְן דִי מגילה.**

**יד.** **עֶס אִיז דָא פִיר פְּסוּקִים, אִין דִי מגילה, וָואס אַלֶע מֶענְטְשְׁן זָאגְן הוֹיעֶךְ:**

1) אִישׁ יְהוּדִי הָיָה בְּשׁוּשַׁן הַבִּירָה וּשְׁמוֹ מָרְדֳּכַי בֶּן יָאִיר בֶּן שִׁמְעִי בֶּן קִישׁ אִישׁ יְמִינִי:

2) וּמָרְדֳּכַי יָצָא מִלִּפְנֵי הַמֶּלֶךְ בִּלְבוּשׁ מַלְכוּת תְּכֵלֶת וָחוּר וַעֲטֶרֶת זָהָב גְּדוֹלָה וְתַכְרִיךְ בּוּץ וְאַרְגָּמָן וְהָעִיר שׁוּשָׁן צָהֲלָה וְשָׂמֵחָה:

3) לַיְּהוּדִים הָיְתָה אוֹרָה וְשִׂמְחָה וְשָׂשֹׂן וִיקָר:

גם תוכן זה קיים באחיה ידע - לקבצים נוספים במאגר שלנו: achiyayeda@achiya.org.il





# שונה הלכות



תלמוד תורה אור יוחנן ראחמיסטריווקא
כיתה ג' – ר' גדלי' דוד גאלדבערגער

4) כִּי מָרְדֳּכַי הַיְּהוּדִי מִשְׁנֶה לַמֶּלֶךְ אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ וְגָדוֹל לַיְּהוּדִים וְרָצוּי לְרֹב אֶחָיו דֹּרֵשׁ טוֹב לְעַמּוֹ וְדֹבֵר שָׁלוֹם לְכָל זַרְעוֹ:

**טו. װען מֶען לֵיינְט דִי עֲשֶׂרֶת בְּנֵי הָמָן (דִי נֶעמֶען פוּן דִי צֶעהְן קִינְדֶער פוּן הָמָן) לֵיינְט מֶען עֶס אִין אֵיין אָטֶעם, צוּ װַייזְן אַז מֶען הָאט זֵיי גֶעהָאנְגֶען אַלֶע אוֹיף אֵיין מָאל.**

**טז. נָאכְן לֵיינֶען דִי מְגִילָה זָאגְט מֶען שׁוֹשַׁנַּת יַעֲקֹב וכו'.**

## על הניסים

**יז. פורים בַּיים דַאװֶענֶען און בַּיים בֶּענְטְשְׁן זָאגְט מֶען עַל הַנִסִים און בִּימֵי מָרְדְכַי וְאֶסְתֵּר וכו', אָבֶּער אוֹיב מְ'הָאט פַארְגֶעסְן דַארְף מֶען נִישְׁט אִיבֶּער בֶּענְטְשְׁן.**

## משלוח מנות

**יח. עֶס אִיז אַ מִצְוָה צוּ שִׁיקְן משלוח מנות פַאר אַ חַבֵר, און דִי מצוה אִיז צוּ שִׁיקְן צְוֵויי זַאכְן וָואס מְ'קֶען עֶסְן, פַאר כָאטְשׁ אֵיין חַבֵר, אָבֶּער מֶען פִירְט זִיךְ צוּ שִׁיקְן פַאר אַסַאךְ גוּטֶע פְרַיינְד כְּדֵי צוּ פַארְמֶערְן אַחְדוּת בַּיי יוּדְן.**

## מתנות לאביונים

**יט. עֶס אִיז אַ מצוה צוּ גֶעבְּן צְדָקָה פַאר כָאטְשׁ צְוֵויי אָרִימֶעלַייט, אָבֶּער עֶס שְׁטֵייט שׁוֹין אִין שׁלְחָן עָרוּךְ אַז:**

**כָּל הַפּוֹשֵׁט יַד... װער עֶס שְׁטְרֶעקְט אוֹיס זַיין הַאנְט אִין עֶר בֶּעט**

גם תוכן זה קיים באחיה ידע - לקבצים נוספים במאגר שלנו: achiyayeda@achiya.org.il





# שונה הלכות



תלמוד תורה אור יוחנן ראחמיסטריווקא
כיתה ג' – ר' גדלי' דוד גאלדבערגער

**צְדָקָה ............**

**נוֹתְנִים לוֹ ....... גִיבְּט מֶען פַאר אִים**

## סעודת פורים

**כ. עֶס אִיז אַ מצוה צוּ עֶסְן אַ סְעוּדָה פּוּרִים, אוּן מֶען פְרֵיידְט זִיךְ שְׁטַארְק מִיט דִי גְרוֹיסֶע נֵס וָואס סְ'אִיז גֶעשֶׁען פַאר דִי יוּדְן, אוּן מֶען טְרִינְקְט וַויין צוּ גֶעדֶענְקֶן דִי נֵס וָואס אִיז גֶעשֶׁען דוּרְךְ וַויין אַז וַשְׁתִּי אִיז גֶעהַארְגֶעט גֶעוַוארְן דוּרְךְ וַויין אוּן אַזוֹי אִיז אֶסְתֵּר גֶעוָוארְן דִי מַלְכָּה, אוֹיךְ אִיז דִי עִיקָר נֵס וִוי אחשוורוש הָאט גֶעהֵייסְן הַארְגֶענֶען הָמָן, גֶעוֶוען בַּיי אַ סעודה פוּן וַויין וָואס אסתר הָאט גֶעמַאכְט.**

## פארשטעלן – המן טאשן

**כא. עֶס אִיז אַ מִנְהָג אַז מְ'פַארְשְׁטֶעלְט זִיךְ פּוּרִים, ווייל דִי גַאנְצֶע גְזֵירָה אִיז נָאר גֶעוֶוען כְּדֵי דִי יוּדְן זָאלְן תְּשׁוּבָה טוּן, אָבֶער השי"ת הָאט נִישְׁט אֶמֶת'דִיג גֶעוָואלְט הַארְגֶענֶען דִי יוּדְן.**

**כב. מֶען פִירְט זִיךְ אוֹיךְ צוּ עֶסְן הָמָן טַאשְׁן וָואס הָאבְּן דְרֵיי עֶקְן.**

גם תוכן זה קיים באחיה ידע - לקבצים נוספים במאגר שלנו: achiyayeda@achiya.org.il





# שושן פורים

כג. אַ טָאג נָאךְ פורים רוּפְט מֶען שׁוּשַׁן פּוּרִים וַוייל אִין דִי צַייטְן פוּן דִי נֵס הָאבְּן דִי מֶענְטְשְׁן פוּן דִי שְׁטָאט שׁוּשַׁן גֶעהַארְגֶעט דִי גוֹיִם אוֹיךְ אִין דִי פֶערְצענְטֶע טָאג פוּן אַדָר, און זֵיי הָאבְּן גֶערוּהְט אִין דִי פוּפְצֶענְטֶע טָאג אִיז זֵייעֶר פּוּרִים דִי פוּפְצֶענְטֶע טָאג.

כד. דִי מֶענְטְשְׁן פוּן ירושלים הַאלְטְן נָאר דִי פוּפְצֶענְטֶע טָאג פוּן אדר פורים דָאס אִיז וַוייל דִי חֲכָמִים הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז אַיֶעדֶע שְׁטָאט וָואס הָאט אַ מוֹיעֶר אַזוֹי וִוי שׁוּשַׁן זָאל הַאלְטְן דִי זֶעלְבֶּע טָאג פורים אַזוֹי וִוי שושן.

achiyayeda@achiya.org.il גם תוכן זה קיים באחיה ידע - לקבצים נוספים במאגר שלנו: